# דער כערסאָנער רבי ר׳ בן־ציון שמולעוויטש

פּרעמירט אין דעם „צוקונפט"־קאָנקורס אויף עסייען •

ברײנע בערקאָוויטש — געבוירן אין 1894 אין כערסאָן, דרום־אוקראַינע. געווען אַן עקסטערן, אויסגעהאַלטן עקזאַמען אויף אַ רוסישער פאָלקס־לערערין. אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציע געוואוינט אין קיעוו, געווען אַ סטודענטקע פון קיעווער יידישן לערער־סעמינאַר. שפּעטער געוואוינט אין מאָסקווע, לענינגראַד און טורקעסטאַן. אין 1926 געקומען קיין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע. זיך געדרוקט פון צייט צו צייט אין אַ רוסישער צייטונג. אַ פּאָר יאָר מיטגעאַרבעט אין טאָראָנטער „קאַמף", דרוקט זיך אָפט אין „קענעדער אָדלער".

•

פון ברײנע בערקאָוויטש

אין די גרויסע געשיכטע־ביכער וועגן חסידות איז דער נאָמען ר׳ בן־ציון בר׳ יוסף יהודה שמולעוויטש ניט פאַרצייכנט. איז עס בפירוש אַ שאָד. פאַרן חסידות־פאָרשער וואָלט זיכער געווען אינטערעסאַנט צו שטודירן דעם פענאָמען ר׳ בן־ציון. ער וואָלט אין זיין פערזענלעכקייט געפונען פאַרקערפּערט אַ סך אידייען און מידות טובות פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער. דער כערסאָנער רבי, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט הונדערט יאָר שפּעטער נאָכן בראַצלאַווער, האָט געצויגן זיין גייסטיקע יניקה פון יענעם חסידישן טרוימער און איז געווען אַזוי ווי יענעמס אַ לעבעדיקע אָפּשפּיגלונג. אפשר טאַקע ניט מער ווי אַ קאָפּיע פונעם פרעכטיקן אָריגינאַל, אָבער וואָס פאַראַ געלונגענע קאָפּיע! דאָס וואָס איך וועל דאָ באַשרייבן, וועט אפשר אַמאָל אָנרעגן אַ יידישן היסטאָריקער צונויפצוזאַמלען מער ידיעות וועגן דעם כערסאָנער צדיק.

אין די יאָרן פונעם ערשטן וועלט־קריג האָט אין כערסאָן געוואוינט דער היסטאָריקער בן־ציון דינאַבורג, איצט פּראָפעסאָר פון געשיכטע אין ירושלימער אוניווערסיטעט און מחבר פון עטליכע היסטאָרישע ווערק אין העברעאיש. עס איז נאָך דעמאָלט געווען פריש אין זכרון פון די כערסאָנער די געשטאַלט פון דעם נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענעם רבין. איז עס גאַנץ מעגלעך, אַז דינאַבורג האָט פאַרגעדענקט אָדער פאַרצייכנט ביי זיך די מעשׂות, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען וועגן אים. קען זיין אַז דינאַבורג האָט ביי זיך מער אויטענטישע דאָקומענטן וועגן ר׳ בן־ציונען. וויל איך האָפן, אַז אין איינעם פון דינאַבורגס צוקונפטיקע ביכער וועט זיין אָפּגעטיילט אַ ווינקל פאַרן כערסאָנער רבין. די לאָקאַלע פאָלקסטימלעך־רעליגיעזע באַוועגונג, וואָס דער כערסאָנער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט, וואַרט אויפן שאַרפן אויג פונעם געשיכטע־שרייבער, וואָס זאָל זי דורכדרינגען און אַרויסברענגען אירע סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע מאָטיוון. מיין מערקווירדיקער בן־עיר האָט עס כשר פאַרדינט, אַז מע זאָל וועגן אים אָנשרייבן אַ היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכע מאָנאָגראַפיע. איך וועל זיך באַמיען נאָכצודערציילן אַלץ וואָס איך האָב זיך אין מיינע קינדער־יאָרן אָנגעהערט וועגן אָט־דעם מענטשן און אויך איבערצוגעבן די שטימונגען און דעם אַראָמאַט פון דער סביבה, אויף וועלכער ר׳ בן־ציון האָט משפיע געווען. פריער פון אַלץ וועלן מיר מאַכן אַן עקסקורסיע אין דער געשיכטע פונעם יידישן ישוב אויף דער כערסאָנשטשינע.

מיט איבער הונדערט יאָר צוריק האָט צאַר ניקאָלאַי דער ערשטער, אין אַ „גראַמאַטע" צו די יידן, זיי פאָרגעלייגט זיך צו באַזעצן אויף די סטעפּעס פון דרום־אוקראַינע און זיך דאָרט פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט. ער האָט זיי צוגעזאָגט צו געבן די ערד בחנם און אויך באַפרייען די יונגעלייט פון מיליטער־דינסט. עס איז געווען אַ גוטער פּלאַן פאַר די פּאָדאָליער, ליטווישע און יידן פון אַנדערע געגענטן, זיך אָפּצוגעבן מיט לאַנד־ווירטשאַפט און אַזוי אַרום מיטאַמאָל פּטור ווערן פון צוויי צרות: פון לעבן אין נויט און פון דינען דעם קייסער. דאָך האָט מען זיך נישט אַזוי גיך געלאָזט אין וועג אַריין. ערשטנס האָבן די יידן ניט געהאַט קיין צוגרויסן צוטרוי צו די גליקן וואָס דער קייסער האָט זיי צוגעזאָגט, און צווייטנס האָבן זיי קיין חשק נישט געהאַט זיך אַוועקצולאָזן אין די מרחקים און ווערן דאָרטן אויסגעריסן ווי פּראָסטע מוזשיקעס. נאָר דאָ איז אונטערגעקומען די ווירקונג פון ר׳ בער שניאורסאָן (דעם מיטעלן ליובאַוויטשער רבין). ער האָט צעשיקט בריוו צו זיינע חסידים, וואָס זענען שוין דעמאָלט געווען גאַנץ אָנזעעוודיק אין אַלע יידישע געגענטן, אַז זיי זאָלן פירן אַן אַגיטאַציע און באַווירקן די יידן אויסצוואַנדערן אין די כערסאָנער און קריוואָראָגער סטעפּעס און דאָרט גרינדן קאָלאָניעס. די חב"ד"ער חסידים האָבן דעמאָלט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף די יידישע מאַסן. זייער אַגיטאַציע האָט געהאָלפן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויסוואַנדערונג צו דרום צו. מיט דער צייט האָבן זיך געגרינדעט אַ היפּשע צאָל ישובים ווי די קאָלאָניעס שדה־מנוחה אָדער טאַטאַרקע, באָבראָווי־קוט (פּרוגס געבורט־אָרט), נעוויל, נהר־טוב אָדער בערעזניוואַטע און אַנדערע.



ברײנע בערקאָוויטש

דער ליובאַוויטשער רבי האָט, משמעות, געהאַט צוויי טעמים אין דערמוטיקן די יידן זיך צו באַזעצן אויף ערד. ראשית, אַרויסרייסן מאַסן יידן פון דחקות און נויט און זיי לאָזן זיך איינפונדעווען אויפן פעטן און פרוכפּערדיקן באָדן פון דרום־אוקראַינע. ער האָט געוואָלט, זיי זאָלן ווערן ניצלעכע און פּראָדוקטיווע מענטשן אי פאַר זיך, אי פאַרן לאַנד. צווייטנס האָט ר׳ בער זיך פאַרנומען צו פאַרשפּרייטן דאָס חב"ד חסידות צווישן די יידישע פּויערים. ער פלעגט



שיקן משולחים אין די ניי־געגרינדעטע קאָלאָניעס. איינער פון די ערשטע משולחים איז געווען דעם ליובאַוויטשערס בעסטער תלמיד ר׳ הלל פּאַריטשער. מיט אַ פופציק יאָר צוריק פלעגן די קאָלאָניסטן דערציילן זייערע קינדער דאָס, וואָס זיי האָבן געהערט פון זייערע טאַטעס און מאַמעס וועגן דעם אויסטערלישן ר׳ הללן. אויף זיין פערד און וועגעלע פלעגט ער אומפאָרן פון איין קאָלאָניע אין דער צווייטער און אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן זען צו ווירקן אויף די פאַרגרעבטע און פון יידישקייט אָפּגעפרעמדטע ישובניקעס. ר׳ הלל פלעגט זיך אָפּשטעלן ביי די דאָרפסלייט אין איין הויז, אין אַ צווייטער, פלעגט דאָרט דאַוונען מיט גרויס כוונה, זאָגן תהילים, מעביר זיין די סדרה, זינגען זמירות, פּראַווען חצות. ווען די בעלי־בתים פלעגן אים פאַרבעטן מיט זיי צו עסן, פלעגט ער זייער שיין באַדאַנקען און זאָגן אין אַ איידעלן טאָן, אַז ער קאָן ביי זיי נישט עסן, ווייל ס׳איז נישט איינגעאַנצן כשר... דאָס טרוקענע ברויט מיט זאַלץ, וואָס ער פלעגט מיטפירן מיט זיך אין אַ זאַק, איז געווען זיין איינציקע שפּייז פאַר אינדערוואָכן און פאַר שבת. די דאָרפישע יידן האָבן געהאַט גרויס אָפּשיי פאַר ר׳ הללן. זיי האָבן ליב באַקומען דעם שטילן, באַשיידענעם, גוטהאַרציקן מענטשן, וואָס האָט זיי מיט זיין פערזענלעכן ביישפּיל דערנעענטערט צו די קוואַלן פון פרומער יידישקייט. די דאַנקבאַרע קאָלאָניסטן האָבן אינעם אויסטערלישן משולח געזען דעם גוטן מלאך, וואָס גאָט האָט זיי אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד און זיי האָבן זיין געשטאַלט אַרומגעוועבט מיט לעגענדעס. זיין האַרציקע שטימע — פלעגן זיי דערציילן — זיין לערנען גאָטס תורה האָט זיך געטראָגן פון עטלעכע הייזער מיטאַמאָל אין איין צייט... מ׳האָט אים געזען אין איין און דערזעלבער מינוט אין פאַרשיידענע טיילן פון דאָרף... דאָס פערד און וועגעלע מיטן וואונדערלעכן אַלטיטשקן פלעגט דערשיינען גלייכצייטיק אין עטלעכע קאָלאָניעס מיטאַמאָל און אומעטום פלעגט ער ברענגען פרייד און הצלחה. אַז ר׳ הלל האָט אַרויפגעלייגט זיין בענטשנדיקע האַנט אויפן קעפּעלע פון אַ קראַנק קינד, איז דאָס קינד געזונט געוואָרן... ביי אַ שווערן צו־קינד־גיין פלעגט זיך באַווייזן ר׳ הללס געשטאַלט — און די יולדת פלעגט מיט מזל איבערקומען...

בשעת אַ טריקעניש האָט ר׳ הלל מיט זיינע תפילות געבראַכט רעגן און אין יאָרן, ווען אומאויפהערלעכע גאָסרעגנס פלעגן דראָען אַראָפּצושווענקען די גאַנצע תבואה פון די פעלדער, האָט ר׳ הלל פאַריטשער די רעגנס אָפּגעשטעלט און אויסגעפּועלט ביי גאָט אַ גרויס גערעטעניש פאַר די יידישע קאָלאָניסטן...

עס זיינען אַרומגעפאָרן איבער די קאָלאָניעס אויך אַנדערע משולחים, אָבער קיינער איז ביי די האָרעפּאַשניקעס פון כערסאָנשטשינע נישט געווען אַזוי באַליבט און פאַרהייליקט ווי דער פאַריטשער.

אויפן אַלטן כערסאָנער בית־עולם איז געשטאַנען אַן אוהל אויפן צדיקס קבר. עס האָט דאָרטן געברענט אַ נר־תמיד און פרומע יידן פלעגן יעדן יאָר קומען צו ר׳ הללן אויף קבר־אבות, און ראש־השנה און יום־כיפור פלעגט מען דאָרט דאַוונען בציבור.

אָט אין דער אַטמאָספערע פון פרומע חסידישע לעגענדעס אין דער שיינער דרומדיקער שטאָט כערסאָן, וואו די הימלען זיינען לויטער און די מענטשן זיינען פּראָסט און ערלעך, איז אין אַ שטילן פרילינגדיקן פרימאָרגן אין יאָר 1875 געבוירן געוואָרן אַ יינגל. מ׳האָט אים אַ נאָמען געגעבן בן־ציון. דער פאָטער, יוסף יהודה שמולעוויטש, איז געווען אַ מוכר־ספרימניק, ניט קיין גרויסער למדן, נאָר אַן אמת פרומער ייד, אַן איש תמים און אַ גרויסער אָרעמאַן. די מאַמע, שרה, — אַן איינפאַכע גאָטספאָרכטיקע יידענע און אַן איבערגעגעבענע מוטער צו אירע צוויי קינדער — אַ טאָכטער און דער בן־יחיד בן־ציון. נאָך אין די פריע קינדער־יאָרן האָט דאָס יינגל זיך אויסגעטיילט פון די אַרומיקע מיט זיין בענקענדיקער פּאָעטישער נשמה און שאַרפן קאָפּ צום לערנען. ווען ער איז אַלט געוואָרן צען יאָר איז זיין טאַטע געשטאָרבן. דער קליינער יתום, וואָס האָט אַרויסגעוויזן קינסטלערישע פעאיקייטן, האָט זיך פאַרדינט אויף זיין באַשיידענער חיונה מיט אויסמאָלן אין די שולן מזרחים, אָדער קאָפּירן פּאָרטרעטן פון ווילנער גאון, שניאור זלמן מלאדי און אַנדערע גדולים. דעם גרעסטן טייל פון זיינע פאַרדינסטן פלעגט ער אויסגעבן אויף איינצוקויפן ספרים. ער איז געווען ניט לויט די יאָרן נאָך פאַרטיפט אין לערנען. קיינער האָט נישט געוואוסט צי האָט ער געלערנט אין אַ חדר ביי אַ מלמד, אָבער שוין צו צוועלף יאָר האָט ער געשמט פאַר אַן עילוי. צו פופצן יאָר האָט בן־ציון אָנגעהויבן צו לערנען עין־יעקב מיט די יידן פון דער שניידערשער שול. בין מנחה למעריב, אין דעם שוואַך־באַלויכטענעם בית־המדרש, ענג צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן, פלעגן זיצן אַלטע און יונגע, שניידער־און־שוסטער־געזעלן, פריקאַזשטשיקעס און בעל־מלאכות און דאָרשטיק שלינגען יעדן וואָרט, וואָס פלעגט אַרויסקומען פון בן־ציונס מויל. דער יונגער פירלערנער פלעגט צוציען זיינע עלטערע צוהערער מיטן טיפן ערנסט, מיט זיין שטילן זיסן קול, מיט דער גוטסקייט און זעלטענער ליבלעכקייט.

בן־ציון איז אויך געווען זייער אַ שיינער — הויך און שלאַנק, אַ פּאָר גרויסע, בלויע אויגן אויפן בלייכן, איידעלן פּנים. ער פלעגט ממש פאַרכישופן די מענטשן מיט זיין אָנבליק און מיטן גייסטיקן כוח, וואָס האָט געשטראָמט פון אים. די תמימותדיקע יידן האָבן געגלויבט באמונה שלימה, אַז בן־ציון איז אַ גילגול פון ר׳ הלל פאַריטשער און אַז אין דעם יונגנמאַנס נשמה איז דאָ אַ ניצוץ פון דעם פאַרשטאָרבענעם צדיק.

צו אַכצן יאָר האָט בן־ציון זיך פאַרטיפט אין קבלה. ער האָט זיך געוואָלט דערגרונטעווען צו די סודות פון מענטשלעכן זיין. פון נגלה, אָפענער תורה, איז ער אַריבערגעגאַנגען צו נסתר, פאַרהוילענער תורה. זיין פאַרטיפטקייט אין לערנען איז געווען אין־לשער. עס האָט געקאָנט זיין ווי קאַלט אין הויז אָדער ווי שטיקנדיק און הייס זומערצייט, פלעגט ער עס נישט באַמערקן. עס האָט איינמאָל אויסגעבראָכן אַ פייער אינעם צווייטן הויז, פייער־לעשערס זיינען געקומען, עס האָבן זיך געטראָגן געוואַלדן, געשרייען — דער יונגער מתמיד האָט גאָרנישט באַמערקט. עס האָט נישט איינמאָל געטראָפן, אַז דאָס ליכטל אָדער דער קעראָסין־לעמפּל האָט אויסגעברענט, פאַרלאָשן געוואָרן — אָבער ער האָט עס אפילו נישט באַמערקט. ער פלעגט ווייטער בלייבן זיצן און לערנען אין דער פינצטער אויף אויסנווייניק. ער האָט צו יענער צייט שטאַרק געפּייניקט זיין גוף, זיך באַמיט אינגאַנצן זיך אויסטאָן פון עולם־הזה, ניט געוואָלט הערן פון חתונה האָבן.

איינגיכן האָבן זיך אַרום בן־ציונען אָנגעהויבן צו קלייבן יונגעלייט און עלטערע יידן און בן־ציון איז געוואָרן זייער רבי און מדריך. דאָס זיינען געווען אַרבעטער און אָרעמע מענטשן — עם־הארצים, וואָס דער יונגער רבי האָט צוגעצויגן מיטן צויבער פון זיין פערזענלעכקייט. ער האָט זיך באַנומען צו זיי מיט צערטלעכקייט, רחמנות און ווייכקייט; זיי געמוטיקט און געוועקט צו עבודת־הבורא. געוועקט אין

